גוט שבת אלע אידן. יעצט אז מיר האלטן פאר דעם גרויסן מעמד פון דעם יערליכען דינער לטובת דעם חשוב'ן מוסד גמ"ח זכרון יעקב, לאמיר אביסל רעדן די וואך וועגן דעם גרויסקייט פון בארגן געלט פאר א איד.

דער קדושת לוי זי"ע האט אמאל גערופן זיין שמש. דער צדיק האט געזאגט צו זיין שמש אז ער ווייסט פון א איד וואס איז מוראדיג שוואך און ער האלט ביים שטארבן, ל"ע. דער גוסס האט געהייסן ר' נפתלי הערץ. דער צדיק האט געבעטן פון זיין שמש, אז טאמער נפתלי הערץ וועט נסתלק ווערן, זאל דער שמש אים מודיע זיין, ווייל ער וויל גיין צו דער לוויה.

דער שמש איז געווארן איבערראשט, ווייל נפתלי הערץ האט געהאט א נאמען פון זיין א קארגער מענטש, וואס האט קיינמאל נישט געגעבן קיין צדקה און קיינמאל נישט געטון חסד פאר א צווייטן. און אויב אזוי, פארוואס זאל דער רבי וועלן גיין צו אזא מענטש'ס לוויה? דער געטרייער גבאי האט אבער נישט מפקפק געווען איין רגע, נאר, ער האט צוגעזאגט צום רבין אז ער וועט אים מודיע זיין וועגן דעם.

נישט לאנג דערנאך איז טאקע געהערט געווארן די בשורה אז נפתלי הערץ איז נסתלק געווארן. דער רבי האט געהערט דערפון און ער האט געזאגט אז ער וויל גיין צו דער לוויה. קיינער האט נישט געוואלט גלייבן אז דער צדיק וועט גיין צו דער לוויה פון אזא אכזריותדיגען מענטש. אבער די חסידים האבן געטראכט אז אויב זייער רבי גייט, זאלן זיי אויך גיין.

ווען דער רבי איז געגאנגען צו דער לוויה מיט א גרויסען עולם פון חסידים, האט איינער פון די חסידים שוין נישט געקענט צוריקהאלטן זיין נייגעריגקייט, און ער האט געפרעגט דעם רבין פארוואס ער האט מכבד געווען דעם נפטר מיט גיין צו זיין לוויה.

דער רבי האט דעם חסיד מסביר געווען אז ער אליינס איז געווען פארפלאנטערט מיט דריי דין תורהס מיט נפתלי הערץ, און דורך דעם האט ער געקענט דעם עכטן מהות פון דעם נפטר ע"ה. דאן האט דער רבי אנגעהויבן צו דערציילן וועגן די דריי דין תורהס מיט נפתלי הערץ.

די ערשטע מעשה איז געווען אזוי: עטליכע יארן פאר דעם, איז געווען אין שטאט א רייכער גביר וואס האט אמאל פארלוירן א הונדערט ראבל, וואס איז דעמאלט געווען א ריזיגע סכום געלט. ער איז געווארן אינגאנצען נערוועז זוכענדיג דעם געלט איבעראל וואו עס האט געקענט זיין. ער איז ארומגעגאנגען צו אלע בתי מדרשים וואו ער האט אויסגערופן זיין אבידה, האפענדיג אז איינער (אן ערליכער!) האט עס געטראפן. ווען דער גביר איז געווען אויפן וועג צו אן אנדערען שול האט אים נפתלי הערץ געטראפן. ר' נפתלי האט געזאגט צום גביר אז ער האט געטראפן דעם 100 ראבל און עס ליגט ביי אים אין שטוב.

דער גביר איז געווארן איבערגענומען מיט שמחה, נישט גלייבנדיג אז ער האט געהאט אזא גוטע מזל אז איינער, נאך מער א ערליכער איד, האט געטראפן דעם געלט. ר' נפתלי האט אים געגעבן דעם געלט, און דער גביר האט אים שטארק באדאנקט.

אפאר טעג שפעטער, האט זיך דער גביר דערמאנט וואו ער האט געלייגט דעם געלט. ער איז געגאנגען צו יענע פלאץ וואו ער האט טאקע געטראפן דעם געלט. ער האט געזוכט ר' נפתלי צוריקצוגעבן דעם סכום. ר' נפתלי האט אבער נישט געוואלט צוריקנעמען דעם געלט, און פון דעם איז געווארן די ערשטע דין תורה מיט ר' נפתלי הערץ.

די צווייטע דין תורה איז געגאנגען אזוי: אמאל איז געווען א מאן מיט זיין פרוי וואס האבן נעבאך געהאט שוועריגקייטן מיט פרנסה. דער מאן האט מחליט געווען אוועקצופארן צוזאמענצונעמען געלט. די פרוי איז געווען מוראדיג צובראכן אז איר מאן וועט איר פארלאזן אליינס מיט די קינדער. פון וואו וועט זי מפרנס זיין די משפחה ווען איר מאן וועט נישט דארט זיין? אפילו זי האט געוואלט אז דער מאן זאל אריינברענגען פרנסה אין שטוב, האט זי נישט געקענט זיך פארשטעלן צו זיין אליינס אן גארנישט.

דער מאן האט פארשטאנען אז ער האט נישט קיין ברירה, ער מוז אוועקפארן. וועגן דעם האט ער געזאגט צו זיין רביצן אז זי זאל נישט מורא האבן ווייל דער רייכער ר' נפתלי הערץ וועט געבן געלט יעדע וואך דאנערשטיק פאר די משפחה. באמת, האט דער מאן קיינמאל נישט ערלעדיגט דעם עסק מיט ר' נפתלי'ן, אבער, וואס האט ער געקענט טון! ער האט געדארפט אוועקפארן. זיין פרוי האט אנגענומען זיין ענטפער אז ר' נפתלי וועט זיי געבן וואכענטליכען אויסהאלטונג. און מיט דעם איז דער מאן ארויסגעפארן אויפן וועג.

די ערשטע דאנערשטיק איז געקומען און די פרוי איז געגאנגען צו ר' נפתלי'ן, אבער ר' נפתלי האט פארשטייט זיך נישט פארשטאנען וואס די פרוי וויל. "וועלכע געלט רעדסטו?" האט ר' נפתלי געפרעגט די פרוי. די פרוי'ס פנים איז געווארן ווייס פון פחד, פארשטייענדיג אז זי איז אויסגענערט געווארן. "מיין מאן האט מיך געזאגט אז איר מיט אים האבן מסכים געווען אז איר וועט אונז בארגן געלט יעדע וואך ביז מיין מאן וועט אהיימקומען און אייך צוריקצאלן!"

"יא, יא!" האט ר' נפתלי געזאגט, רעאליזירנדיג וואס איז געווען דער מעשה, "אנטשולדיגט מיר, איך האב אינגאנצן פארגעסן פון דעם..." און ער האט איר געגעבן א

שיינע סכום געלט. און אזוי איז געשען יעדע וואך פאר צוויי יאר, ביז דער מאן איז סוף כל סוף אהיימגעקומען.

ווען דער מאן איז אנגעקומען צו זיין הויז, האט ער דערווארט צו טרעפן זיין משפחה אין א שרעקליכע מצב, ווייל ער האט באמת נישט ערלעדיגט גארנישט פאר זיי. צו זיין איבערראשונג, האט ער געזען אז די משפחה האט ב"ה גאנץ פיין געלעבט. ער האט געפרעגט זיין פרוי ווי אזוי זי האט זיך געגעבן אן עצה.

"אפשר האסטו פארגעסן? די עסק וואס דו האסט געמאכט מיט ר' נפתלי'ן איז געווען מוראדיג. ער איז געווען אזוי גוט צו אונז, ער האט מיר געגעבן געלט יעדע דאנערשטיק, פונקט אזוי ווי דו האסט צוגרייט מיט אים. ער האט נישט פארפעלט אפילו איין וואך!"

ביי דעם ערשטען געלעגנהייט, איז דער מענטש געלאפן צום ר' נפתלי'ן וועמען ער האט באדאנקט פונעם טיפעניש פון זיין הארץ. ער האט צוגעזאגט צו ר' נפתלי'ן אז ער גייט אים צוריקבאצאלן יעדע פרוטה. ר' נפתלי האט אבער נישט געוואלט די געלט צוריק, און פון דעם איז ארויסגעקומען די צווייטע דין תורה.

די דריטע דין תורה איז ארויסגעקומען פון דעם נעקסטען מעשה. א גאר ארעמער מענטש האט געוואלט בארגן געלט פון ר' נפתלי'ן. ער איז געקומען בעטן ר' נפתלי'ן, און ר' נפתלי האט אים געפרעגט ווער וועט זיין זיין ערב. דער ארעמער מענטש האט נישט געהאט קיינעם וואס וואלט געווען פאר אים אן ערב, ווייל ער האט נישט געהאט קיין וועג צוריקצוצאלן דעם חוב!

"דער באשעפער וועט זיין מיין ערב!" האט דער ארעמער מענטש געזאגט צו ר' נפתלי'ן נאך א אומבאקוועמליכע שטילקייט. "גוט... אים גלייב איך!" האט ר' נפתלי געזאגט בארגענדיק פאר אים דעם סכום אויף זעקס חדשים.

ווען די זעקס חדשים האבן זיך געענדיגט, האט דער ארעמער מענטש נישט געקענט צוריקבאצאלן. ער האט זיך אזוי שטארק געשעמט, אז ער האט אפילו גארנישט געזאגט צו ר' נפתלי'ן. צוויי יאר שפעטער האט דער מענטש סוף כל סוף געהאט גענוג געלט כדי צוריקצוצאלן ר' נפתלי'ן.

"עס פעלט נישט אויס," האט ר' נפתלי געזאגט צו דעם מענטש, ווען דער מענטש האט געוואלט צוריקגעבן דעם געלט. "די טאג וואס דו האסט געדארפט צוריקצאלן," האט ר' נפתלי מסביר געווען, "האבן די רווחים פון מיין געשעפטן זיך אנגעהויבן צו ווערן מער און מער! דאס איז געווען דער אייבערשטער'ס איינצאלונג פאר דיין חוב. דער אייבערשטער'ס איינצאלונג האט מער ווי סתם געדעקט דער הלוואה!" האט ר' נפתלי געענדיגט זאגן. און דער ארעמער מאן האט גערופן ר' נפתלי צו א דין תורה וועגן זיין נישט וועלן צוריקנעמען דעם געלט!

"דאס," האט דער קדושת לוי זי"ע אויסגעפירט, "איז געווען דער מענטש ר' נפתלי הערץ... טון צדקה מיט חסד שטילערהייט אויף אן אמתע אופן."

די וואך ליינט מען וועגן יעקב אבינו ע"ה'ס לעצטע טעג אויף די וועלט. ווען יעקב אבינו האט געהאלטן ביי נסתלק ווערן, האט ער געבעטן פון יוסף הצדיק, "ועשית עמדי חסד..." – און איר זאלט טון חסד מיט מיר. ווייסט מען אז די תורה איז נצחיות. וועגן דעם קען מען אפשר זאגן אז יעקב אבינו'ס באפעל איז נישט נאר געזאגט געווארן צו זיין זון יוסף הצדיק, נאר, עס איז אויך שייך צו אונז, וואס זענען אלע בני ישראל. אויב אזוי קומט אויס אז יעקב אבינו ע"ה האט אונז באפעלט צו טון חסד.

איינער פון די גרעסטע חסדים איז בארגען געלט פאר א איד. רש"י הקדוש איז מסביר אויפן פסוק "אם כסף תלוה את עמי וכו'" אז בארגען געלט פאר יענעם איז נישט קיין דבר רשות, נאר, עס איז א חיוב. מען מוז בארגען געלט פאר יענעם ווען מען האט געלט צו בארגען. זאגט דער הייליגער רמב"ם אז בארגען געלט פאר א ארעמען איד איז א מצות עשה מן התורה וואס איז אפילו גרעסער ווי געבן צדקה. (הל' מלוה ולוה פרק א,א)

איז לאמיר אלע אריינכאפן אין דער ריזיגער מצוה פון בארגן געלט צו אידן, דורך שטיצען דעם חשוב'ן גמ"ח זכרון יעקב. די גמ"ח מיט איר נייע קרן דערמעגליכט אידן אין שטעטל צו קענען אנהייבן געשעפטן, וואס דורך דעם קען מען האבן בכבודיגע פרנסה. און מיט דעם אייבערשטענ'ס הילף, וועט מען נישט דארפן צוקומען צו צדקה. מיט געבן צו דער גמ"ח, וועלן מיר אלע אי"ה זוכה זיין צו די הבטחה פון דוד המלך ע"ה, אזוי ווי רבי שמעון בן אלעזר האט עס מסביר געווען אין די גמרא, אז "כל מי שיש לו מעות ומלוה אותם שלא ברבית - עליו הכתוב אומר (תהלים טו) 'כספו לא נתן בנשך ושחד על נקי לא לקח, עשה אלה לא ימוט לעולם.'" ד"ה, איינער וואס בארגט געלט פאר יענעם וועט קיינמאל נישט נכשל ווערן אין לעבן. (בבא מציעא עא.) **גוט שבת אלע אידן.**

לע"נ גאלדא רייזל בת ר' מרדכי אשר הכהן ע"ה – י"ט טבת

נתרם לרפו"ש של חיים מאיר בן מלכה העניא, משה בן סלאווא, שאשא מלכה בת גאלדא, ציפורה בת רחל, מינדל בת רבקה, מרדכי מענדל בן ציפורה-יוטא, צבי בן חנה בתשח"י לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה • לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)